# עונג שבת

## פרשת בשלח תשס"ו

גוט שבת אלע אידן. נאך די מפלה פון די קומאניסטן ימ"ש, בערך 16 יאר צוריק, זענען אסאך אידן ארויסגעקומען פון רוסלאנד. א גרויסע חלק פון די אידן זענען געקומען זיך באזעצן אין ארץ ישראל. ליידער, רוב רוסישע אידן זענען געווען ווייט פון תורה, און זיי האבן אפילו נישט געקענט די "אלף–בית" פון אידישקייט.

איינער פון די אידן וואס האט זוכה געווען צו דורכלעבן די קומאניסטן ימ"ש, איז געווען א עלטערע איד וואס האט געהייסן ר' לייבל. ווען ר' לייבל איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט זיך די אידישע פונק אין אים אנגעצינדן. צו ביסלעך האט ער געלערנט תורה און ווי אזוי א איד דארף דאווענען. יעצט האט ער געקענט לעבן ווי א איד. כאטש ער איז געווען צופרידען מיט זיין תורה און אידישקייט, האט ער געטראגן א שווער פעקל אויף זיינע פלייצעס, צוליב א מעשה וואס איז געשעהן אסאך יארן פריער אינדערהיים...

עס איז באקאנט אז די רוסישע רשעים האבן אייביג געזוכט וועגן ווי אזוי צו פייניגען אידן, רח"ל. למשל, זיי האבן פרובירט צו ברענגען מחלוקת צווישן אידן. אמאל האבן זיי גורם געווען אז ר' לייבל זאל שיקן א בריוו צו מסר'ן א צווייטן איד צו די רעגירונג, דער אייבערשטער זאל אפהיטען! דער איד האט בעקומען א גרויסע געלט שטראף דורך ר' לייבל'ס בריוו.

יעצט, יארן שפעטער האט ר' לייבל אויף דעם חרטה געהאט, און ער האט געוואלט תשובה טוהן. דער זאך האט אים אזוי געדריקט, אז ער האט נישט געהאט קיין מנוחת הנפש. אבער וואס האט ער יעצט געקענט טוהן צו פארעכטן דעם היזק? ווייל ר' לייבל האט כמעט נישט געדענקט יענעם איד'ס נאמען, און פארשטייט זיך זיין אדרעס, און בכלל האט ער נישט געוואוסט אויב דער איד לעבט נאך. צו טרעפען דעם איד אין רוסלאנד איז געווען ממש אזוי ווי זוכען א נאדל אין א בארג היי!

איין טאג, איז ר' לייבל געגאנגען צו דעם רב ר' שמואל טרעביש ז"ל (בעל המחבר פון ספר מעדני שמואל) צו פרעגן ווי אזוי צו פארעכטן זיין חטא. דערנאך, האט ר' לייבל געבעטן דעם רב אז ער זאל שרייבן א בריוו וואס זאל זיין עדות פאר ר' לייבל אויף יענעם וועלט. דער בריוו זאל זיין מוסר מודעה אז ר' לייבל האט געוואלט פארעכטן זיין חטא, אבער ער האט פשוט נישט געקענט טרעפען דעם איד וואס ער האט געמסר'ט. און דערפאר, זאל דער אייבערשטער אים מוחל זיין.

דער רב ר' שמואל האט אבער געטראכט אז אפשר איז דער בריוו נישט גענוג צו באשיצן ר' לייבל פון דער בית דין של מעלה. דערפאר, האט דער רב גערופן אנדערע רבנים, און ער האט זיי געגעבן צען טעג צו זוכן א תשובה פאר ר' לייבל'ס עבירה.

עטליכע טעג שפעטער, נאך פאר עס האט זיך געענדיגט די צען טעג, האט ר' לייבל אנגעקלאפט צום רב ר' שמואל. "רב שמואל," האט ר' לייבל געזאגט, "אלעס איז ערלעדיגט!" "וואס איז געשעהן?" האט ר' שמואל געפרעגט. ר' לייבל האט גענומען דערציילן אן אינטערסאנטע מעשה. א פאר טעג פריער, איז ר' לייבל געגאנגען צו א דאקטאר. ר' לייבל איז ב"ה נישט געווען באקאנט מיט דאקטוירים. דערפאר, איז ר' לייבל געקומען אסאך פריער פארן אפוינטמענטס מיטן דאקטאר. ר' לייבל איז געקומען 6:30 אין דער פרי, ווען קיינער איז נישט געווען אין דעם דאקטאר'ס אפיס. ר' לייבל האט זיך אוועק געזעצן אונטער א דאך פון א "באס סטאַפּ," צו ווארטן ביז מ'וועט עפענען די דאקטאר'ס אפיס.

נישט לאנג נאך דעם איז געקומען אן אנדערע רוסישע איד צום "באס סטאַפּ." ר' לייבל האט געשמועסט מיט יענעם איד, ווען ר' לייבל איז געוואר געווארן אז דער איד איז געקומען פון ט'שערנעוויץ, די זעלבע שטאט ווי ר' לייבל! ר' לייבל האט געפרעגט דעם איד אויב ער האט געקענט יענער משפחה, ד"ה, די משפחה פון דעם איד וואס ר' לייבל האט נעבעך געמסר'ט אסאך יארן צוריק. און פלא והפלא! דער רוסישע איד איז געווען אן איידם ביי יענעם איד וואס ר' לייבל האט געמסר'ט! דער רוסישע איד האט אפילו געדענקט אז זיין שווער האט דעמאלטס געדארפט צאלן 20,000 ראבל פאר דער רעגירונג. דער איד האט פערציילט אז זיין שווער לעבט שוין נישט.

ר' לייבל האט זיך אינטערעסירט וועגן אלע יורשים פון יענעם איד. ר' לייבל איז ב"ה געווען א פארמעגליכע מענטש. און ער האט געקענט אלעס צוריק צאלן. ר' לייבל האט געהייסן אז יעדע איינער פון די יורשים זאלן זיך מעלדען צו א געוויסע באנק אין ט'שערנעוויץ כדי צו בעקומען דאס געלט.

ר' לייבל האט נאר געבעטן אז זיי זאלן אלע שיקען "רעסִיטס" פון דעם געלט וואס זיי האבן בעקומען. (א שטיק צייט שפעטער, האט ר' לייבל בעקומען א פאר "רעסִיטס.")

דער רב ר' שמואל טרעביש איז געווען איבערגענומען מיט א גרויסע התפעלות! מ'זעהט דאך קלאר אז "בא לטהר מסייעין אותו." (יומא לח:)

ר' לייבל האט געבעטן ר' שמואל אז מען זאל מיט אים באגראבן די "רעסִיטס" אין זיין האנט. נישט לאנג דער נאך, האט דער איד ר' לייבל צוגעמאכט זיין אויגען פאר'ן לעצטע מאל. ער האט מקיים געווען די ווערטער פון די החכמים: "ושוב יום אחד לפני מיתתך!" (אבות ב,י) די חברא קדישא האבן טאקע באגראבן ר' לייבל מיט די "רעסִיטס" אין זיין האנט.

איינע פון די שווערסטע נסיונות אין מידות איז מיט געלט זאכן. אזוי ווי די הייליגע חכמים האבן געזאגט: "בשלשה דברים אדם ניכר, בכיסו ובכוסו ובכעסו" (מדרש תנחומא קרח פרק יב סימן ב) מיט דריי זאכן ווערט א מענטש דערקענט, מיט זיין געלט, זיין טרינקען (וויין למשל) און מיט זיין כעס, ל"ע. די לייכסטע וועג צו אפהאקען א חברשאפט, ח"ו, איז צו האנדלען נישט ערליך מיט געלט זאכן. למשל, מען איז מזיק א צווייטענס חפץ און מען באצאלט אים נישט די שאדן, ווייל מען מיינט אז ער איז נישט מקפיד, וכו'. אדער מען קויפט א זאך און מען צאלט נישט ווייל מען פארגעסט. אדער מען דינגט אן ארבעטער און מען באצאלט אים נישט. אדער מען בארגט געלט, און מען צאלט נישט צוריק, וכהנה, וכהנה.

מען זעט פון דעם מעשה וואס מען האט יעצט דערציילט ווי איין איד האט אזוי שטארק מקפיד געווען אויף יענעמ'ס געלט. באמת אז טאמער מען וואלט געגלייבט באמונה שלימה אז די פרנסה קומט פון הימל, וואלט מען קיינמאל נישט געוואלט הנאה האבן פון יענעמ'ס געלט. מען זעט דעם ענין אין דער פרשה. דער אייבערשטער האט געגעבן גענוג "מן" פאר די אידן אין מדבר. "מן" איז דאך פרנסה. די תורה איז מרמז אויף דעם ענין וואס מען האט יעצט דערמאנט: פרנסה קומט פון הימל, נישט פון יענעם. דורך געדענקען דעם פרט, קענען מיר אלע זוכה זיין מיט דעם אייבערשטען'ס העלף צו זיין עכטע ערליכע אידן. גוט שבת אלע אידן

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ולמחותנו הרה"צ רבי הירש מלך האלבערשטאם שליט"א לרגל שמחת לידת נכדתם, לבנו\חתנו הרה"צ רבי חיים מאיר שליט"א

לע"נ האשה החשובה לאה בת ר' דוד ע"ה, י"ח שבט

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה